בס"ד

לך לך תשפ"ה
גליון 212

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

# דו האָסט אויך אַ האַרץ

אינעם גליון פאַריגע וואך האָבן מיר שוין געשריבן אַז די "תּוֹרָה" הַקְּדוֹשָׁה איז מִלָּשׁוֹן "הוֹרָאָה" זי ווייזט אונז און לערנט אונז וויאַזוי צו דינען דעם אייבערשטן, און בִּפְרַט אין די פַּרְשִׁיּוֹת וואס מ'לערנט אין די תּוֹרָה פון די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַזוי ווי עס שטייט אין חז"ל "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים".

דו האָסט אויך אַ האַרץ!

אין די פַּרְשָׁה ווערט דערציילט אויף אונזער הייליגער זיידע אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פאַרציילן אונז אַז בֶּן שָׁלֹשׁ שָׁנִים הִכִּיר אֶת בּוֹרְאוֹ, ביי דריי יאָר אַלט האָט שוין אַבְרָהָם אַנערקענט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט.

ווי אַזוי זענען די אָבוֹת געוואָרן די אָבוֹת? זיי האָבן נישט געהאַט קיין יֵצֶר הָרָע? זיי האָבן נישט געהאַט קיין נִסְיוֹנוֹת?

עס איז דאָ שיינע סֵפֶר פון ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן'ס וואס ווערט אָנגערופן "כּוֹכְבֵי אוֹר", די ערשטע חֵלֶק רופט זיך "אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן" דאָרט איז דאָ צוויי שיינע שמועסן פון ר' נָתָן, איינע פון די שִׂיחוֹת שרייבט ער דאָרט אַז רַבִּי נָתָן האָט אַמאָל געשמועסט וועגן דאָס פלאַקערדיגע האַרץ פון אַבְרָהָם אָבִינוּ, וואס ער איז געווען דער ערשטער וואס האָט געדינט דעם באַשעפער טאָג און נאַכט מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, און מְגַלֶּה געווען און מְפַרְסֵם געווען דעם אויבערשטן'ס נאָמען אויף דער גאַנצער וועלט. אינמיטן שמועס האָט איינער געגעבן אַ קרעכץ פון טיפן האַרץ און זיך אָנגערופן צו רַבִּי נָתָן: ווי נעמט מען אַ האַרץ אַזוי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ? האָט אים רַבִּי נָתָן געענטפערט: "דו האָסט אויך אַן האַרץ נאָר די באַהאַרצ'ט עס נישט", דאָס מיינט אַז יעדער איד האָט אַ האַרץ אַזוי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ, ער האָט אַ פינטעלע פון קדושה און אֱמוּנָה טיף טיף אין האַרץ, נאָר מען דאַרף דאָס באַהאַרצן, וויאַזוי?! מיט ווערטער פון תְּפִלָּה און אֱמוּנָה א.א.וו.. ווייל ס'איז דאָ אַ בְּחִירָה צו בּוֹחֵר זיין וואס מען וויל, און אֲפִילוּ דער ערגסטער איד קען צוקומען צו די העכסטע מַדְרֵיגוֹת, אַזוי ווי עס שטייט אין סֵפֶר תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ אַז יעדער איד דאַרף זאָגן מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אֲבוֹתַי, ווען וועל איך צוקומען צו די מַדְרֵיגוֹת פון די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים. איך זאָל זוכה זיין צו אַהֲבַת הַשֵּׁם, אֱמוּנָה, יִרְאָה, מְסִירוּת-נֶפֶשׁ, תְּמִימוּת, לערנען מיט חֵשֶׁק, שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת און אַזוי ווייטער.

אַבְרָהָם אָבִינוּ האָט געהאַט שווערע און ביטערע נִסְיוֹנוֹת, יעדע הייליגע זאַך איז אים אָנגעקומען זייער זייער שווער, נאָר די סוֹד פון די אַלע צַדִּיקִים איז אַז זיי האָבן זיך געשטאַרקט אין זייער

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

שְׁוֶועריקַייטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (תורה מ"ח חלק ב') אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַלְטְן פוּן זֵיי אוּן הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאווִיזְן פַאר זֵיי נָאר נָאךְ אַסַאךְ יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטָרָה "וַיְחַזֵּק חָרָשׁ אֶת צֹרֵף" (ישעיה פרק מא) אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּיי שֵׁם דֶער זוּן פוּן נֹחַ..

אַמָאל הָאט זִיךְ רַבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן: פַארְוָואס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? אוּן פַארְוָואס זֶענֶען אַלֶע צַדִּיקִים אָנְגֶעקוּמֶען ווִי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען? אוּן פַארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען ווִי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא מָאס הִתְחַזְּקוּת. מִיר דַארְפְן אוֹיךְ הָאבְּן אוּנְזֶער מָאס הִתְחַזְּקוּת צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן גְלֵייבְּן אַז אוּנְזֶער אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין דֶער צַדִּיק, אִיז אַ פַיינֶע גוּטֶע אֱמוּנָה, זִיכֶער קֶען מֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אָבֶער קוֹדֶם גְלֵייבְּן אִין אוּנְזֶער אֱמוּנָה!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֵיין בְּדַרְכֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי דֶער זֹהַר שְׁרַייבְּט אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אֵיין פְּלַאץ אָדֶער אֵיין חֲבוּרָה וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה וֶועט בַּאלְד קוּמֶען דֶער גּוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין אמשה'לע



## אִיךְ מוּז מִתְפַּלֵּל זַיין

מַיין מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי. פַאר ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זִיבְּן יָאר, הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי מִלְחָמָה אִין אוּקְרַיינֶע, מַיין מַאמֶע הָאט מִיר כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט אוּן דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אִיךְ זָאל קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין, וַוייל אַלֶע מַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אַז עֶס קוּמְט אַזוֹי' אִיךְ וֶועל אוֹיךְ פָארְן.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זִיבְּן יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעפָארְן הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט מִתְפַּלֵּל זַיין, וַוייל אָן תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעפָארְן בַּיי דִי נַיין יָאר, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף מַאכְן תְּפִלָּה פַאר דִי יְשׁוּעָה, וַוייל נָאר תְּפִלָּה הֶעלְפְט.

מַיין יְשׁוּעָה אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן בַּיי דִי נַיין יָאר אוּן גֶעזָאגְט אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט, אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם צוּזָאג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט

חַיִּים מֶענְדֶעלֶע

# אִין דִי צְפַת'ער גֶעסֶעלֶעך



חלק ב'

ר' שְׁמוּאֵל הָארְוִויץ אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב רֶבִּי שְׁמוּאֵל בֶּן ר' יִשְׂרָאֵל הֶעלִיר זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אָב בֵּית דִין פוּן הֵיילִיגְן שְׁטָאט צְפַת.

דֶער זֵיידֶע פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, הָרַב רֶבִּי אַבְרָהָם פֶּרֶץ זצ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נָאנְטֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה מִלּוּבְּלִין זצ"ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ בַּיים חוֹזֶה. רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גֶעוָוארְן אִין שׁוֹיס פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין. דֶער חוֹזֶה הָאט בַּאפוֹילְן פַאר ר' יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל פָארְן מִיט זַיין קִינְד רֶבִּי שְׁמוּאֵל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶס וַוארְט אִים דָארְט אָפּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר זַייעֶנְדִיג דֶער רָב אִין שְׁטָאט צְפַת פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג גֵיין צוּם שֶׁעכְט הוֹיז צוּ הַאלְטְן אַן אוֹיג אוֹיף דִי הַשְׁגָּחָה פוּן דִי שׁוֹחֲטִים, יָארְן בֶּעפָאר אִיז עֶר אַלֵיין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אוּן בּוֹדֵק, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אִין צְפַת אִין יָאר תקצ"ז אוּן זַיין הַאנְט אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּנְטֶער אַ הוֹיפְן שְׁטֵיינֶער, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אָפְּלָאזְן דִי שְׁחִיטָה. וֶוען עֶר אִיז אָבֶער גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער אָב בֵּית דִין, אִיז עֶר טְרָאץ אַלֶע טִרְדוֹת גֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג צוּם שֶׁעכְט הוֹיז צוּ זֶען אַז דָאס כַּשְׁרוּת זָאל זַיין אוֹיפְן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן דִי שְׁחִיטָה, וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט אִין דִי אִידִישֶׁע גֶעוֶועלְבְּן, וֶוען עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דֶער גֶעשֶׁעפְסְטְמַאן אִיז טְרוֹיעֶרִיג וַוארְטְנְדִיג אוֹיף קוּנְדְן זָאלְן בַּאזוּכְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרַיין אוּן גֶעקוֹיפְט עֶפֶּעס אַ טִיכְל אָדֶער עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקַייט אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַ פְרֵיילִיךְ וָוארְט צוּ מְחַזֵּק זַיין דֶעם אִידְל, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ טֶעגְלִיךְ אַהֵיים גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט פֶּעק אוּן זֶעק פוּן פַארְשִׁידֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן וואוּ עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גוּט גֶעשֶׁעפְטְל!! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַאר זִיךְ הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי אַלֶע שְׁמָאנְצֶעס, הָאט עֶר דָאס גֶערְן פַארְטֵיילְט פַאר דִי אָרִימֶע לַייט.

מֶען פְלֶעגְט בַּיי ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר אִין שְׁטוּבּ צוּשְׁטֶעלְן אַ גְרוֹיסְן טָאפּ פוּן זוּפּ אוּן פְלֵיישׁ, אוּן דִי אָרִימֶעלַייט פְלֶעגְן קוּמֶען אוּן דִי רֶעבֶּעצִין פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן פוּנֶעם טָאפּ פַארְטֵיילְנְדִיג פְרִישֶׁע קָאכֶעדִיגֶע זוּפּ פַאר דִי אָרְטִיגֶע עֲנִיִּים, וֶוען יֶעדֶע פָאר מִינוּט הָאט מֶען צוּגֶעגָאסְן נָאךְ אַבִּיסְל וַואסֶער צוּם טָאפּ, אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן נַאכְטְמָאל אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר ר' שְׁמוּאֵל אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה נָאר אַבִּיסְל וַואסֶער מִיט בָּאנְדְלֶעך!

נָאכְן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, וֶוען דָאס הַאנְט פוּן ר' שְׁמוּאֵל אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁעדִיגְט גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ פָארְן קַיין ווִין זִיךְ צוּ לָאזְן הֵיילְן זַיין אָפְּגֶעשְׁוַואכְטֶע הַאנְט בַּיי דִי אָרְטִיגֶע דָאקְטוֹרִים,

עֶר הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט מִיט אַ שְׁאֵלַת חָלוֹם אוֹיבּ עֶר זָאל אַרוֹיסְפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֵיין חוּץ לָאָרֶץ, הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן אִין חָלוֹם דֶעם פָּסוּק "תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ... מִקְּדָשׁ ה' כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ" - דֶער פָּסוּק רֶעדְט פוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען עַם יִשְׂרָאֵל קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָאס וָוארְט "יָדֶיךָ" אִיז גֶעוֶוען גֶעפִּינְטְלְט, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זַיינֶע צְוֵויי הֶענְט וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַיילְט גֶעוָוארְן.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ מִתְנַגְּדִים וֶועלְכֶע פְלֶעגְן אִים אָנְטוּן אַסַאךְ צָרוֹת, עֶר הָאט אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְגֶעטוּן נָאר גוּטְס. אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד מִיטְ'ן נָאמֶען מָרְדְּכַי'לֶע, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט בַּאפַאלְן ר' שְׁמוּאֵל מִיט קְלָלוֹת אוּן גֶעשְׁרַייעֶרַייעֶן, וֶוען אִינְמִיטְן אוֹיסְשִׁיסְן זַיינֶע קְלָלוֹת מִיט אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶע בַּאקְן, הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט לִיבְּלִיכְקַייט, מִיט וַוארִימֶע רֵייד: "מָרְדְּכַי'לֶע פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ אַזוֹי, דָאס קֶען שָׁאטְן פַאר דַיין גֶעזוּנְט? דוּ קֶענְסְט מִיר אַלֶעס זָאגְן רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן."

## דִּי שֶׁענְסְטֶע קָאלִיר

וֶוען דֶער שַׂר ר' מֹשֶׁה מָאנְטִיפְיוֹרִי ז"ל אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטָאט צְפַת ת"ו, הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁטַאט אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטוּבּ פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר. דִּי וֶוענְט פוּנֶעם צִימֶער וואוּ ר' שְׁמוּאֵל פְלֶעגְט זִיצְן זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוַוארְץ פַארְרֵייכֶערְט פוּן דִּי לֶעכְט. דֶער שַׂר ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם קָאלִיר, עֶר הָאט קַיינְמָאל בְּעֶפָאר נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא קָאלִיר? וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין קָאלִיר נָאר רוֹיעֶךְ פוּן דִּי לֶעכְט וָואס בְּרֶענְט בַּיי דִּי נֶעכְט שָׁעָה'ן וֶוען ר' שְׁמוּאֵל אִיז עוֹסֵק אִין תּוֹרָה, הָאט ר' מֹשֶׁה זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען דֶעם רַב מִיט דֶעם שֵׁיינֶעם וואוּנְט קָאלִיר. "אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן, מִיט גָאר שֵׁיינֶע פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע קָאלִירְן" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "אָבֶּער אַזַא טַייעֶרֶע קָאלִיר, אִיז שֶׁענֶער אוּן אַסַאךְ חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶע פַארְבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט!!



שר ר' משה מאנטיופורי

ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר הָאט אֵיינְמָאל גֶעלֶערְנְט דִּי כְּתָבִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן אר"י - רַבֵּינוּ יִצְחָק לוּרְיָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען אַן עִנְיָן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען. עֶר הָאט וַוארֶעם מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער אריז"ל זָאל קוּמֶען פוּן אוֹיבְן לֶערְנֶען מִיט אִים, אַזוֹי הָאט ווירְקְלִיךְ פַּאסִירְט, דֶער הֵיילִיגֶער אר"י אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים לֶערְנֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְ'ן מַטְרִיחַ זַיין דֶעם אר"י ז"ל, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַ קַבָּלָה צוּ גֵיין יֶעדְן פְרַייטָאג אוֹיפְן הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּנֶעם אר"י אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים.

וֶוען ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יאר תקפ"ב, אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי גָאוֹן רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, הָאט אִים ר' שְׁמוּאֵל פַארְצֵיילְט דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן סִיפּוּר אוּן גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' נָתָן: "וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים?" הָאט אִים דַאן ר' נָתָן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִּי גְרוֹיסֶע מַעְלָה פוּן דִּי צֶען

קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַ תִּיקוּן הַבְּרִית אוּן עֶס וֶוערְט גֶערוּפְן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי".

וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קֵיין צַייט אָדֶער כֹּחַ אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם גַאנְצְן תְּהִלִּים אוֹיפְן צִיּוּן האריז"ל פְּלֶעגְט עֶר טַאקֶע זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך, עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן אַז דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך אִיז אַ כְּלָלִיּוּת פוּן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים, אַזוֹי אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר דָאס זָאגְן בַּיי נָאךְ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוּן אוֹיךְ דִי תְּפִלּוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת פוּן ר' נָתָן.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב אַלֶע סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. (ר' שְׁמוּאֵל הָארְוִויץ שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹרֶה דֵּעָה מִיט אַ זִיגְל פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, גֶעשְׁרִיבְּן הַגָּהוֹת מִיט זַיין הַאנְט שְׁרִיפְט)

וֶוער דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי רֶבִּי שְׁמוּאֵל הֶעלִיר, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעווּאוֹינְט בַּיים אִים אָן צוּ צָאלְן דִּירָה גֶעלְט.




המשך פון די לעצטע זייט

צוּ זַיין בּוּדְקֶע, הָאט ווִידֶער דֶער שְׁוַוארְצֶער פֶּעדְלֶער זִיךְ פַּארְלֵייגְט אוֹיף ר' זֶרַח'ן: "דוּ, דוּ קוּם שׁוֹין אַהֶער, נֶעם דִיר אַהֵיים עֶטְלִיכֶע קָאלִירְן אוּן בְּרֶענְג מִיר גֶעלְט, דָא הָאסְטוּ אַפָּאר נָאדְלֶען, אִיךְ דַארְף גֶעלְט... ר' זֶרַח אִיז פֶעסְט בַּיי זִיךְ, עֶר קוֹיפְט גָארְנִישְׁט. אַזוֹי קוּמְט ווִידֶער דֶער פֶּעדְלֶער אֵיינְמָאל אוּן ווִידֶער אַ מָאל, אָן קֵיין אָפְּשְׁטֶעל, אַזוֹי עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶוען דֶער ר' זֶרַח בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט זַיין נָאז פַאר אִים, עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶערֶעדְט. דֶער פֶּעדְלֶער הָאט גֶעמוּזְט זִיךְ אָפְּטְרָאגְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער פֶּעדְלֶער ווִידֶער גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אָבֶּער צוּ ר' זֶרַח טְרֶעט עֶר מֶער נִישְׁט צוּ, עֶר ווייסְט שׁוֹין אַז מִיט דֶעם גְרוֹיסְן עַקְשָׁן הֵייבְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָן, עֶר קוֹיפְט סֵיוִוי גָארְנִישְׁט אוֹיף קֵיין שׁוּם פַאל. ס'אִיז אִים אַ שָׁאד פַאר דִי צַייט אוּן טִרְחָה צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף ר' זֶרַח. עֶר וֶועט זִיךְ בֶּעסֶער זוּכְן אַ צְוֵוייטְן קָרְבָּן וֶועלְכֶער וֶועט זִיךְ גְרִינְגֶער לָאזְן אִיבֶּערְרֶעדְן צוּ קוֹיפְן בַּיי אִים זַיינֶע שְׁמָאנְצֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַזַא עֶנְלִיכֶע מָשָׁל (ליקוטי מוהר"ן נ"א ח"ב): דֶער יֵצֶר הָרָע קְלַאפְּט בַּיים מֶענְטְשׁ יֶעדֶע מָאל אוּן עֶר עֶרְוֶועקְט אִים צוּ וָואס עֶר וֶועקְט אִים עֶר רֶעדְט אִים אֵיין, טְרָאץ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אַיין, אוּן דְרֵייט אַוֶועק זַיין גֶענַאק פוּן אִים, מִיט-דֶעם-אַלֶעם קְלַאפְּט עֶר ווִידֶער אַ צְוֵוייטֶע, דְרִיטֶע אוּן פֶערְטֶע מָאל אוּן מֶער.

דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס אַז בַּיים עִנְיָן פוּן מַחֲשָׁבוֹת אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, אַז דִי מַחֲשָׁבָה קוּמְט עֶטְלִיכֶע מָאל אֵיינְמָאל נָאכְ'ן אַנְדֶערְן מְבַלְבֵּל זַיין אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר בְּשׁוּם אוֹפֶן. אוּן אַזוֹי וֶועט זִי אַוֶועקְגֵיין.

וָואס מִיר לֶערְנֶען פוּן דֶער מָשָׁל אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ, עֶר אִיז אַן עַקְשָׁן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר קֶערְט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט צוּ אִים, וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע אָפְּטְרֶעטְן אוּן זִיךְ גֵיין זַיין וֶועג.

# לעובדא ולמעשה

ר׳ אִיצִיקְל קְרַאקוֹבְסְקִי דֶער עִלּוּי פוּן בַּאלוּט, אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן מְיַסֵּד גֶעוֶוען אַ קָאכֶעדִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ׳ע שְׁטִיבְּל אִין שְׁטָאט לָאדְזְשׁ, דֶער שְׁטִיבְּל וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן אַלֶע פַארְבַּייגֵייעֶר צוּ טְרִינְקֶען פוּנֶעם הֵיילִיגֶען רֶבִּינְ׳ס נַחַל, צוּ אָפְּכַאפְּן דֶעם אָטֶעם פוּן דִי רוֹישִׁיגֶע וִוינְטְן.



אֵיינְמָאל בַּיים פָארְלֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (תורה קכ״א) וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְפָרֵשׁ דֶעם פָּסוּק פוּן תְּהִלִּים אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי (תהלים מ, ח) אַז וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַ סֵפֶר אוּן טְרֶעפְט זִיךְ אַלֶעמָאל אִין דֶעם סֵפֶר, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר וִויל טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם.

הָאט אֵיינֶער פוּן דִי צוּהֶערֶער גֶעפְרֶעגְט: ״וואוּ קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן אִינֶעם תּוֹרָה?״ ר׳ יִצְחָק טְרֶעפְט גְלַייךְ דִי תְּשׁוּבָה אִינֶעם תּוֹרָה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ״**בִּמְגִלַּת** וַוייזְט אוֹיפְן עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה, וַוייל דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת דֶערְפוּן אִיז מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת **בְּ**שִׂמְחָה **תָּ**מִיד!״ יָא אַז מֶען הָאט שִׂמְחָה שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אַלֶע וֶועגְן אוּן אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ נָתָן לִיבֶּערְמֶענְשׁ הי״ו דֶער זוּן פוּן ר׳ זְאֵב יבל״ח וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס פְלֶעגְן זִיצְן בַּיים שִׁיעוּר פוּן ר׳ יִצְחָק הָאט פַארְצֵיילְט אַז בֶּעפָאר ר׳ יִצְחָק הָאט גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן, פְלֶעגְט עֶר קוֹדֶם פְרֶעגְן דִי בַּאטֵיילִיגְטֶע אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיבּ אִיז גֶעוֶוען דִי תְּשׁוּבָה אַז נִישְׁט הָאט עֶר זֵיי גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט צוּ דִי הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְלֶעך וֶועלְכֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נָאנְט צוּם שְׁטִיבְּל.

אֵיינְמָאל וֶוען ר׳ זְאֵב אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ חַבֶר דָארְט אִין בֵּית מִדְרָשׁ אִין לָאדְזְשׁ, דֶער חַבֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ זְאֵב זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר ר׳ יִצְחָק אַז עֶר הַאלְט נָאךְ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת... אָבֶּער נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט דֶער חַבֶר פוּן זִיךְ אַלֵיין צוּגֶעאֵיילְט זַיין טְרִיט צוּ אֵיינֶע פוּן דִי הִתְבּוֹדְדוּת שְׁטִיבְלֶעך וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג...

ר׳ יִצְחָק הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְט אַ פַייעֶר אִין דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן עֲבוֹדַת ה׳ אוּן דֶער עִיקָר בַּיים עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת צוּ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ר | ש | ד | ת | מ | ג | א | מ | כ | ע | צ | י | ו | ו | א | ה | ר | י | ט | צ | נ | נ | נ |
| י | ז | י | א | ק | א | ו | ו | י | צ | ט | י | ו | ו | י | נ | ר | ע | ש | ט | א | ג | א |
| י | ב | ח | ר | ר | נ | ט | נ | מ | ל | י | ח | ס | ע | כ | א | ד | צ | ס | כ | ו | ט | ו |
| ר | ד | פ | א | ע | ד | ש | נ | י | א | ש | מ | ע | ד | ו | ו | ע | ד | י | ו | ו | ק | א |
| י | ג | פ | א | ס | צ | נ | צ | ג | ס | נ | ו | ר | י | ו | ו | ע | צ | ק | ע | א | ה | ש |
| ד | ט | מ | נ | י | א | י | י | ז | ק | י | נ | ר | ז | נ | י | ל | ב | ו | ל | ש | א | מ |
| ע | מ | ו | ל | נ | ו | ז | נ | ז | ר | ע | י | ב | י | ש | ז | ע | ו | צ | ז | ע | כ | ס |
| ע | ת | י | ל | ש | ד | ר | מ | ע | י | ג | א | ה | ס | ר | ב | י | מ | ת | ג | ל | ת | ד |
| י | ה | ד | ג | ט | פ | פ | ת | נ | מ | ד | ה | ת | ט | ע | פ | ל | י | ק | פ | י | ק | ו |
| ע | ט | מ | ד | י | ש | ד | מ | ט | ו | ע | א | ס | ל | ס | י | ע | צ | ת | צ | צ | ש | פ |
| ו | צ | ע | ב | י | ח | י | נ | ע | י | פ | ר | ל | א | ס | ע | ע | מ | ש | ל | א | פ | א |
| ב | ו | ס | ו | נ | מ | י | נ | ל | מ | ע | ג | ק | ל | ב | א | ר | ד | י | ט | ש | ו | ב |
| נ | ו | א | פ | ע | ש | י | א | ע | כ | ט | ר | א | י | א | ל | ב | ק | ע | ק | ה | נ | ש |
| נ | י | ת | ל | ט | צ | פ | ט | נ | ר | ע | ו | ר | פ | ק | נ | ס | ו | ת | ק | צ | י | פ |
| א | א | ט | ל | כ | י | כ | ש | ר | ש | ר | ר | ד | א | פ | ל | ט | ז | ט | נ | נ | מ | ב |
| ה | נ | ו | נ | ט | י | ה | ש | ט | י | ב | ש | א | ו | ב | ר | א | י | ל | י | ו | ו | ת |
| ש | ט | ע | א | א | נ | י | ג | מ | א | ו | ק | נ | ו | ה | ג | ד | ת | ר | ר | ב | פ | ת |
| א | ט | ל | ת | י | ט | ח | א | ח | ד | ר | ו | ל | י | ר | ד | ט | ה | כ | ה | ש | ו | צ |
| ע | ז | ב | ר | ט | ק | ס | ה | ד | ע | ג | ב | ק | צ | ב | א | ע | כ | א | ע | א | ס | ס |
| א | י | ע | ר | ט | ע | פ | נ | נ | ס | ז | ג | ר | ע | ב | ש | ת | צ | מ | ש | ת | ז | נ |
| ש | ש | צ | פ | י | ד | ל | ג | א | צ | א | ד | ע | ס | ט | ו | ע | ס | פ | ט | פ | ב | ת |
| ז | נ | צ | ע | ס | ה | צ | י | ת | ק | כ | ש | ט | י | ל | ב | ו | ק | ט | ג | נ | ר | א |
| ל | ק | ר | י | מ | ע | נ | ט | ש | ו | ק | ס | א | ס | ט | ב | נ | ע | מ | ר | ו | ב | ה |

זוך אויף די נעמען פון די שטעט וואו ר׳ נתנ׳ס תלמידים האבן געוואוינט

זלאטיפאליע
טשעהרין
זשערין
מעדזוועדיווקא
וואלכייא
לאדיזין
טעפליק
טירהאוויצע
דאשוב
נעמרוב

קרימענטשוק
ליפאווין
נאוואשעליין
אפטע
פעטערבורג
ברסלב
קרעמעניין
טולטשין
טולטשינער
טשעהרין

ריירויד
אדעס
צפת
בראליוו
אומאן
זלאטיפאליע
טשערקאס
יאקאווין
סוביטוב
ריוועצקע

הייסין
קרעסינשטיין
טבריה
קאנסטאנטין
דימיטריווקע
בארדיטשוב
טשערניוויטין
קובליטש
קארדאן
ירושלים
לובלין

## צו א שטריך פונעם נאמען ביזן שטאט וואו דער תלמיד פון ר׳ נתן האט געוואוינט, מען קען עס טרעפן אין שמות הצדיקים ביי תלמידי ר׳ נתן

| | |
|---|---|
| ר׳ דב | לָאדִיזִין. |
| הָרַב ר׳ יְשַׁעְיָה שָׁלוֹם בֶּן ר׳ יוּדִיל | אַפְּטֶע. |
| הָרַב ר׳ עִידָא | קְרִימֶענְטְשוּק. |
| ר׳ גֵּרְשׁוֹן | מֶעדְוֶועדִיוְקָא. |
| הָרַב ר׳ דּוֹב | זְלַאטִיפָּאלְיֶע. |
| ר׳ לֵייבּ | טֶעפְּלִיק. |
| רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ | נֶעמְרוֹב. |
| הָרַב ר׳ מָרְדְּכַי | טְשֶׁעהְרִין. |
| ר׳ יִצְחָק | טִירָהאוִויצֶע. |
| ר׳ חַיִּים שָׂרָה׳ס | כְּפַר נָאוואשֶׁעלִיץ. |
| ר׳ יַעֲקֹב יוֹסֵף | לִיפָּאוִויץ. |
| ר׳ קְהָת | וָואלְכַּייא. |
| ר׳ לֵייבּ | זְשֶׁערִין. |
| ר׳ זַלְמָן | דָּאשוֹב. |
| ר׳ יִשְׂרָאֵל | בְּרֶסְלֶב. |
| רַבִּי אַבְרָהָם | טִירָהאוִויצֶע. |

בַּאשֶׁעפֶּער מַיין גָאט, הֶעלְף מִיר אוּן שְׁטַארְק מִיר אִין דַיין דִינְסְט מִיט אֱמֶת, הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ דַיינֶע עֶרְלִיכֶע אוּן תְּמִימוּת׳דִיגֶע לַייט וֶועלְכֶע גֵייעֶן אִין דַיינֶע וֶועגְן מִיט אַן אֱמֶת, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין כֹּחַ מִיךְ אָפְּצוּהַאלְטְן פוּנֶעם אֱמֶת׳ן וֶועג אוֹיף קַיין שׁוּם אוֹפֶן זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין. שְׁטַארְק מַיין דַּעַת מִיט דַיין אֱמוּנָה עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְזֶען אִין מַיינֶע אוֹיגְן וִוי אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אֵיינֶער אַלֵיין אִיז אַבְרָהָם גֶעוֶוען! אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעָה אָדֶער לֵיצָנוּת, צֶעמִישֶׁענִישְׁן וָואס גֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אָדֶער חַבֵר אֲפִילוּ עֶר אִיז גְרֶעסֶער אָדֶער עֶרְלִיכֶער פוּן מִיר זָאל מִיר נִישְׁט צֶעמִישְׁן פוּנֶעם גְלַייכְן אֱמֶת׳ן וֶועג.

אִיךְ זָאל זִיךְ נָאר פִירְן אוֹיפְן אֱמֶת׳ן וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן יוּנְגְוַוייז אָן פוּן אוּנְזֶערֶע אֱמֶת׳ע עֶרְלִיכֶע רֶבִּי׳ס. (ליקוטי תפלות קמ"ט)

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן: "וִויאַזוֹי מְ'אִיז אַמָאל פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶועזְן".

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶועזְן אַ 'מֶלֶךְ', דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ 'בֶּן־יָחִיד' - הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעוָואלְט אָפְּגֶעבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּהְן בְּחַיָיו (דְהַיְינוּ: פַאר [בַּיי] זַיין לֶעבְּן).

הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל - אוּן וֶוען דֶער 'מֶלֶךְ' מַאכְט אַ בַּאל, אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ - בִּפְרַט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּהְן בַּיים לֶעבְּן, אִיז אַוַודְאַי גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶועזְן אוֹיף דֶעם בַּאל, אַלֶע 'שָׂרֵי־מְלוּכָה', אוּן אַלֶע 'דוּכְסִים', אוּן אַלֶע 'שְׂרָרוֹת' - אוּן מְ'אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶועזְן אוֹיף דֶעם בַּאל.

אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' גִיבְּט אָפּ דִי מְלוּכָה [פַאר] זַיין זוּהְן בַּיים לֶעבְּן, וָוארְן סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער כָּבוֹד דֶעם 'מֶלֶךְ'.

אוּן סְ'אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גֶעוֶועזְן, אוּן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶועזְן אַלֶע עֶרְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה, 'קַאפֶּעלְיֵיעס', אוּן 'קָאמֶעדְיֵיעס', אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן - אוּן אַלְדִינְג וָואס סְ'נוּצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה, אִיז אַלְץ דָארְט גֶעוֶועזְן אוֹיף דֶעם בַּאל.

אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן - הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם זוּהְן:

"בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְנְזֶעהֶער - זֶעה אִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה.

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאלְסְטוּ זֶעהְן, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין עַצְבוּת (דְהַיְינוּ: קַיין טְרוֹיעֶרִיגְקַייט) אַז [וֶוען] דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין - אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין.

אֲפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיזְט קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט - וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קַיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיזְט זִיךְ נִישְׁט פְרֵיילֶעךְ.

(כְּלוֹמַר: אַז דוּ בִּיזְט אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ, וָואס דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] פְרֵיילֶעךְ זַיין, אֲפִילוּ אַז [וֶוען] דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין 'מֶלֶךְ').

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין".

הָאט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אָפְּגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה, אוּן הָאט גֶעהַאט דוּכְסִים, אוּן שָׂרִים, אוּן חַיִל.

אוּן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז גֶעוֶועזְן אַ 'חָכָם', אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט 'חָכְמָה' - אוּן סְ'אִיז בַּיי אִים גֶעוֶועזְן 'גְרוֹיסֶע חֲכָמִים'.

אוּן וֶוער סְ'אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ 'חָכְמָה', אִיז עֶר בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶועזְן - אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן גְרוֹיס 'כָּבוֹד' אוּן 'עֲשִׁירוּת' פַאר דֶער 'חָכְמָה' - וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן - אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט 'גֶעלְט', הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן 'גֶעלְט' - אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט 'כָּבוֹד', הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן 'כָּבוֹד' - אַלְץ פַאר דֶער 'חָכְמָה'.

אוּן מַחֲמַת [וַוייל] סְ'אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶועזְן 'חָכְמָה', הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גֶענוּמֶען צוּ 'חָכְמָה' - אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גֶעוֶועזְן אִין 'חָכְמוֹת', וָוארְן דֶער הָאט גֶעוָואלְט 'גֶעלְט', כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען 'גֶעלְט' דֶערְפַאר, אוּן דֶער הָאט גֶעוָואלְט 'חֲשִׁיבוּת' אוּן 'כָּבוֹד'.

אוּן מַחֲמַת [וַוייל] זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶועזְן נָאר אִין 'חָכְמוֹת', אִיבֶּערְדֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה

פַארְגֶעסְן 'תַּכְסִיסֵי־מִלְחָמָה' (כְּלוֹמַר: וְויאַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן), וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'חָכְמוֹת' – בִּיז דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה, אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה.

און דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד־גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. וּמֵחֲמַת [און צוּלִיבּ] דִי 'חָכְמוֹת', זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה, אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין – און הָאבְּן דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ', אוֹיךְ אַרֵיינְגֶעצוֹיגְן אִין 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין.

לוּשְׁמִיר [אָבֶער] דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם, הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשַׁאדְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם 'אַפִּיקוֹרְסוּת' אַרַיין – וָוארְן סְ'גֶעוֶוען אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט אִין זֵייעֶר 'חָכְמָה' פוּן דִי 'חֲכָמִים', הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרֵיינְגֵיין אִין זֵייעֶרֶע 'חָכְמוֹת', אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶס זֵיי נִישְׁט גֶעשַׁאדְט – נָאר דִי 'חֲכָמִים' און דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', זֶענֶען 'אַפִּיקוֹרְסִים' גֶעוָוארְן.

און דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', מַחֲמַת [ווַייל] סְ'אִיז אִין אִים גֶעוֶוען טוֹב, וָוארְן עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט טוֹב, און עֶר הָאט גֶעהַאט גוּטֶע מִדוֹת – פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶעמָאל: "וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער ווֶעלְט, וָואס טוּה אִיךְ"? – און פְלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, און פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דֶערוֹיף.

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען: "וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער ווֶעלְט"? – און פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן.

לוּשְׁמִיר [אָבֶער] תֵּיכֶף ווִיבַּאלְד עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז ווִידֶער בַּיי אִים שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען כַּמָה פְּעָמִים – וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען: "וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער ווֶעלְט, וָואס טוּט עֶר" וְכוּ' כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – און פְלֶעגְט קְרֶעכְצְן און זִיפְצְן.

נָאר תֵּיכֶף ווִי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ נוּצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִים ווִידֶער שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַּ"ל.



הונדערטער ברסלב'ע קינדער ווערן בעז"ה די וואך זיך באנייען צו אנהייבן די לעצטע מעשה פון סיפורי מעשיות די זיבן בעטלערס

אלע קינדער כאפן זיך מיט, און עס וועט בעז"ה זיין איבערראשונגען פאר די וועלכע ווערן מאכן די בחינות אויפן טעלעפאן.

ווארט מיט שפאנונג

נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (1)

א. שאלת זכות: אין וועלכע חודש האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן די מעשה? (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ❑ אלול
- ❑ אדר
- ❑ סיון

ב. פארוואס האט דער קעניג געמאכט א סעודה?
- ❑ ווייל ער האט געזיגט א מלחמה
- ❑ ווייל ער האט איבערגעגעבן די מלוכה פאר זיין זוהן
- ❑ לכבוד זיין געבורט'ס טאג

ג. וועלכע זאכן פון שמחה איז דארטן געווען?
- ❑ קאפעליי'עס
- ❑ קאמעדייעס
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ד. וואס זאגט ער פאר זיין זוהן צו טוהן ווען ער וועט ארא פון דער מלוכה?
- ❑ אנטלויפן פון די מדינה
- ❑ ער זאל נישט לאזן א צוווייטן זיין א מלך
- ❑ ער זאל זיין פרייליך

ה. וואס האט דער בן המלך זייער ליב געהאט?
- ❑ צו שיכורין
- ❑ אסאך כבוד
- ❑ חכמה

ו. וואס האט דער קעניג געגעבן פאר א חכמה?
- ❑ געלט
- ❑ כבוד
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ז. וואס האט מען פארגעסן אין די מדינה?
- ❑ זייער לערנען
- ❑ תכסיסי מלחמה
- ❑ זייער חכמה

ח. וואס האט פאסירט צום בן המלך און צו די גרויסע חכמים?
- ❑ זיי זענען אריינגעפאלן אין אפיקורסות
- ❑ זיי זענען שוואך געווארן
- ❑ זיי האבן זיך געשטארקט אין עבודת השם

ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיבער געטראכט

**תשובות אויף פאריגע וואך** אויף די מעשה פון דער בעל תפילה

**א. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?**

מלך, מלכה, בת מלכה, גבור, קינד, מליץ, חכם, אוהב נאמן – ממונה אויף די אוצרות האט ער נישט דערמאנט

**ב. וועלכע סדר פון די כתות האט דערמאנט איינער פון די גבורים פארן בעל תפילה? און וועלכע כתה האט ער נישט דערמאנט?**

כבוד, רציחה, אידלע עסן, ישוב העולם, דיבור, שמחה, חכמה, גרויסן איברים, תפילה – תאות ממון האט ער נישט דערמאנט

**ג. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך פארן גבור? און וועמען האט ער נישט דערמאנט**

מלך, מלכה, בת מלכה, קינד, מליץ, חכם, ממונה אויף די אוצרות – אוהב נאמן האט ער נישט דערמאנט

**ד. מיט וועלכע סדר האבן די כתות געטראפן די אנשי המלך? און וועלכע כתה האט מען נישט געטראפן ?**

גרויסן איברים – דער גבור, תפילה – דער בעל תפילה, מדינה של עשירות – דער ממונה, חכמה – דער חכם, דיבור – דער מליץ, שמחה – דער אוהב נאמן, ישוב העולם – די בת מלכה, אידלע עסן – דער קינד, רציחה – די מלכה, כבוד – דער מלך אין פעלד - מ'האט געטראפן אלעמען

**געווינער אויף בעל תפלה 14 איז הילד החשוב שמעון מנדליאל, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## אַ ראָד פון שׂמְחָה

דִי שׁוּל 'נַחֲלַת אֱמוּנָה' אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפוּלְט פוּן אַלֶע שְׁטָאטִישֶׁע אַיינְווּאוּינֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶערְן פוּנֶעם שְׁטָאטִישְׁן רָב דִי הֲלָכוֹת אוּן מִנְהָגִים פַארְן קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב.



דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי סְפֶּעצִיעלֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע זְמַנִּים, וָואס אַלֶע אִידְן וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דִי מִינוּטְן. דִי טִישְׁלֶעך אִין מַארְק וֶוערְן צַאמְגֶעלֵייגְט, דִי בֶּעקֶערַייעֶן שְׁפַּארְן אָפּ, אוֹיךְ ר' זֶרַח דֶער שׁוּסְטֶער דֶעקְט אִיבֶּער זַיין בּוּדְקֶע מִיט אַ שְׁוַוארְצְן לַיילֶעךְ אוּן טְרֶעט אַרַיין מִיט אַן עֶרְנְסְקַייט צוּם בֵּית מִדְרָשׁ צוּ הֶערְן דֶעם רָבְ'ס דְרָשָׁה.

עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס, עֶר אִיז גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִידְל וֶועלְכֶער קֶען זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים אִין זַיין בּוּדְקֶע, קְלַאפְּנְדִיג מִיטְן הַאמֶער אוֹיפְן דִי זוֹילְן פוּן דֶער שׁוּךְ. אָבֶּער דָאס גֶעפִיל וָואס עֶר שְׁפִּירְט בַּיי אָט דֶעם אוֹיסֶערְגֶעוֶועגְלִיכְן שְׁמוּעֶס עֶרֶב יוֹם טוֹב אִיז עֶפֶּעס וָואס פְּלַאקֶערְט אִים אוֹיף דָאס הַארְץ.

נָאכְן דְרָשָׁה מוּרְמֶעלְט עֶר זִיךְ כְּסֵדֶר אוּנְטֶער דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ גֶעזַאנְג: "דֶער יוֹם טוֹב שְׁטֵייט בַּיים טִיר, דֶער יוֹם טוֹב קוּמְט שׁוֹין אָן...", דֶער עוֹלָם קֶען שׁוֹין דֶעם ר' זֶרַח מִיט זַיין שְׁטֶענְדִיגֶע בְּרֶען.

אַ גוֹי'שֶׁער שְׁוַוארְצֶער פֶּעדְלֶער נוּצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגֶנְהַייט וֶוען דִי טִישְׁלֶעךְ זֶענֶען גֶעשְׁפַּארְט אִיבֶּערְצוּנֶעמֶען דֶעם מַארְק. עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ אַ זַאק פוּל מִיט אַלְטֶע שְׁמַאטֶעס, קָאלִירְן, בְּלַייעֶן, הִיטְלֶעךְ, נָאדְלֶעךְ אוּן וָואס נִישְׁט?

עֶר קוּמְט צוּ נֶענְטֶער צוּ ר' זֶרַח וֶועלְכֶער אַיילְט זִיךְ יֶעצְט צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן פְרֶעגְט: "הַאלָא, מִיסְטֶער, ווִילְסְט קוֹיפְן אַ הִיטְל? אֶפְשָׁר אַ נָאדְל, וואוּ אִיז דַיין גֶעלְט, וואוּ?

ר' זֶרַח מִיט זַיין רוּאִיגְן גֶעמִיט, עֶנְטְפֶערְט אִים: "מִיר פֶעלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָארְנִישְׁט, אִיךְ קוֹיף נִישְׁט גָארְנִישְׁט. ר' זֶרַח דְרֵייט זִיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם הוֹיף פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, דָארְט שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אַסַאךְ חֲסִידִים, אוּן... דֶער פֶּעדְלֶער אִיז ווִידֶער דָא מִיט דָאס זַיינִיגֶע: "הַאלָא, דוּ מַר., הַייְנְט הָאסְטוּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעקוֹיפְט, קוּם נָאר אַהֶער דוּ, נֶעם אַפָּאר בְּלַייעֶן, אוּן גֶעבּ אַהֶער דַיין גֶעלְט, וואוּ אִיז דַיין גֶעלְט...?

נָאכְן דְרָשָׁה, וֶוען ר' זֶרַח הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט צוּרִיק

המשך אויף זייט 5

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה יעקב וואלדמאן הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל הורוויץ הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אלימלך קרויז הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב